ט. אין עסקנות הכלל איז פאראן עושים ואינם אומרים, עושים ואומרים. עס איז אויך פאראן אומרים ואינם עושים, אומרים ועושים. ביי אונז אין רוסלאנד איז געווען עושה ואינו אומר און עושה ואומר. אין ליובאוויטש איז געווען עושה ואינו אומר, די אנדערע יראים ושלמים זיינען געווען עושה ואומר, זיי האבען געמוזט מפרסם זיין די ענינים צוליב קריגען מענשען און געלט, וואס האט זיך געפאדערט צו די ארבעט. אין ליובאוויטש האט ניט געפעלט קיין מענשען, אויך האט ניט געפעלט קיין געלט. אזוי אויך הגאון ר׳ חיים בריסקער און ר׳ חיים עוזר, וועלכע האבען געארבעט צוזאמען מיט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק.

גייענדיג אין גלות פון רוסלאנד און קומענדיג אין פארשידענע מדינות אין יוראפ האב איך באמערקט אין עסקנות הכלל נאך צוויי דרגות. אומר ועושה און אומר ואינו עושה. פאראן אזעלכע וואס בעת זיי זאגען טראכטען זיי פון טאן און דאס ביסעלע וואס זיי טוען איז אין שייכות מיט זייער אומר, און פאראן אזעלכע פון די דרגא אומר ואינו עושה, דאס בעת ער זאגט מיינט ער גאר ניט אז ער וועט טאן.

קומענדיג אהער אין אמעריקע האב איך געזען, אז דא איז בלויז אומר ואינו עושה, אז בעת ווען ער זאגט מיינט ער גאר ניט צו טאן און בכלל איז דא אינו אומר ואינו עושה, מען טראכט איינגאנצען ניט פון דעם און מען דערמאנט גארניט.

ברוך השם מיר גייען שוין אריין אין דעם פינפטען יאר. די ג׳ שני ערלה זיינען געווען שווערע. מיר האבען געהאט דורכצוברעכען א מחיצה של ברזל, וואס ברזל וויס מען איז בגימט׳ עמלק. בשנה הרביעית איז קדש הילולים. הילולים איז ב׳ פירושים.

י. איך וויל ריידען וועגען א ענין וואס עס איז זייער נוגע. עס האבען זיך צונויפגענומען א הייפעלע שגצים און זיינען מחלל דעם כבוד התורה. זיי ווילען אויסרייסען די עץ חיים׳ס פון די תורה, איך מיין דאס בנוגע די ישיבה בחורים.

אלע וויסען, אז די אידען אין די מדינה, הגם זיי זיינען א מינדערהייט דאך נעמען זיי א גרויסען אנטייל אין דער מלחמה בממונם אויך בגופם. וואס אזוי איז עפ״י תורה, אז מען וואוינט אין א מדינה, וואס די מדינה פירט זיך כדבעי איז מען מחויב מיטצוהעלפען.

עס איז דא אין לאנד א געזעץ, אז ישיבה בחורים זיינען פריי אין דעם, קומען זיי צוגיין און זיינען מבזה דעם כבוד התורה. עס רעדט זיך דא ניט וועגען די ישיבה בחורים אליין, זיי וועט דאס חלילה ניט שאטען, נאר אין דעם חילול כבוד התורה. א תלמיד פון תומכי תמימים, תורה ודעת, תפארת ירושלים, ר׳ חיים ברלינ׳ס טויג ביי זיי ניט און א תלמיד פון די שמד הייזער וואס לערנט ביי שעכטער אדער וויז כעמינאריומ׳ס ער קען יא זיין א רב. די כשר׳ע ישיבות מאטערען זיי מיט שאלות, אויב דער זיידע פון תלמיד איז געווען א רב, אדער זיין פאטער און אנקעל. שולדיג אין דעם זיינען די ראבאיס, אויך די ערליכע רבנים די יראים, וואס גייען ניט ארויס מיט א תוקף. אפילו א מחלל שבת, א אוכל טריפות ווען מ׳שטעלט זיך פעסט און מ׳מאנט כבוד התורה ווערט ער נתפעל.

אידען איר דארפט ארונטערנעמען דעם פלעק, דעם גרויסען בזיון התורה און כל זמן די גזירה וועט זיין זייט איר, אייערע פרויען און קינדער אין סכנה. איר זייט אלע אחראי דערפאר. אלע דארפען זיך צונויפנעמען און ארויסגיין שרייען געגען די גזירה רעה ר״ל.

וועגען דעם ענין ווילען די צייטונגען ניט שרייבען. אפילו מען וועט זיי באצאלען וועלען זיי ניט וועלען דאס פארעפענטליכען. בכח פון מיינע אבות הקדושים און בכח התורה מאך איך אייך אלע דא פאר גייענדיגע צייטונגען, איר זאלט דאס אלעמען דערציילען צו באקאנטע און ניט באקאנטע אין אידיש און אויך וואו מען דארף אין ענגליש, פון דעם גרויסען חלול כבוד התורה וואס ווערט באגאנגען דורך די קליינע גרופע.

איך בין בטוח אז דידן נצח. די תנוקות של בית רבן פון די חדרי תורה און פון די ישיבות זאלען געבען א כח אין די גרעסערע תלמידי הישיבות והמתיבתות אויף ארויסגיין בכל תוקף עז געגען דעם און צו אייך תמימים ווענדע איך זיך ספעציעל מכח דעם, און איך בין בטוח, אז איר וועט היטען דעם כבוד התורה, כבוד החסידות און כבוד העבודה.

דער אויבערשטער זאל העלפען, אז מען זאל מבטל זיין די גזירה און מען זאל זוכה זיין צו ביאת המשיח צדקנו בקרוב.